**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול און באפעלאו מעיאר בראון אנאנסירן נאך מיטגלידער באשטימט צו דינען אויף מאי 14 דענקמאל קאמיסיע**

***פינף קאמיוניטי מיטגלידער באשטימט צו פארענדיגן די קאמיסיע פון 11 מיטגלידער***

גאווערנער קעטי האקול און באפעלאו מעיאר בייראן וו. בראון האבן היינט אנאנסירט אז נאך מיטגלידער זענען באשטימט געווארן צו זיצן אויף די מאי 14 דענקמאל קאמיסיע ( May 14th Memorial Commission). די קאמיסיע איז [אויפגעשטעלט](https://) געווארן אין אקטאבער 2022 דורך גאווערנער האקול און מעיאר בראון אין רעאקציע צו די מאסן שיסעריי ביי א Tops Friendly Market געשעפט אויף Jefferson Avenue. באפעלאו NAACP פרעזידענט, גייסטליכער מארק ע. בלוי, איז אין די פארגאנגענהייט באשטימט געווארן אלץ פארזיצער פון די קאמיסיע, צוזאמען מיט די ערשטיגע באשטימונג פון פינף קאמיוניטי מיטגלידער צו זיצן אויף די קאמיסיע.

די מאי 14 דענקמאל קאמיסיע באשטייט פון עלף (11) מיטגלידער, פינף (5) באשטימט דורך די גאווערנער, פינף (5) באשטימט דורך באפעלאו סיטי מעיאר בייראן בראון און איין (1) פארזיצער באשטימט דורך ביידע צוזאמען.

די פאלגנדע קאמיוניטי מיטגלידער זענען יעצט באשטימט געווארן, פארענדיגנדיג די קאמיסיע פון 11 מיטגלידער:

- דזשוּליע באטאמס, קונסטלערין, Buffalo AKG Art Museum
- פרעיגרענס העריס סטענפיעלד, אסיסטענט קאסטומער סערוויס מענעדזשער, Tops Friendly Markets
- זענעטא עווערהאַרט, דירעקטארין פון פארשידנארטיגקייט און אריינגעמונג פאר ניו יארק סטעיט סענאטאר טים קענעדי
- סטיווען א. קארמינע, פרעזידענט, Carmina Wood Morris
- טיפעני גרינס, געמאלענע און דיגיטאלע אינהאלט אסאָוסיעט, Burchfield Penney Art Center

זיי שליסן זיך אן מיט דייען קאלגען, סיניאר וויצע פרעזידענט פון Tops Friendly Markets; דזשאנעטען דענדיס, באורד מיטגליד פון די Buffalo Niagara Partnership; דר. ארטור נארמאן לואין, מיטגליד פון די Buffalo Arts Commission; לערי סטיטס, אייגנטומער פון Golden Cup Coffee; און גארנעל וויטפיעלד, געוועזענער פייער דעפארטמענט קאמישאנער ביי די באפעלאו פייער דעפּארטמענט — וועלכע זענען אלע באשטימט געווארן לעצטע יאר.

"מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן אונזערע צען שכנים אין באפעלאו וועלכע זענען זינלאז אוועקגענומען געווארן פון אונז אין א שוידערליכע, ראסיסטישע אקט פון טעראר, און מיר זענען אנטשלאסן צו פארזעצן צו שטיצן איסט באפעלאו אזוי ווי די קאמיוניטי היילט זיך," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין דאנקבאר פאר די מיטגלידער פון די מאי 14 דענקמאל קאמיסיע וועלכע האבן זיך איבערגעגעבן צו אוועקשטעלן א פערמאנענטע דענקמאל וואס וועט באערן די לעבנס און ירושות פון די וועלכע מיר האבן פארלוירן, בשעת'ן ווייטער ארויסווייזן די שטארקייט און שטאנדהאפטיגקייט פון די קאמיוניטי."

**באפעלאו מעיאר בראון האט געזאגט,** "אזוי ווי אונזער שטאט זעצט פאר זיך צו היילן פון די Tops גראסערי מאסן שיסעריי, בלייבן מיר אנטשלאסן צו אנדענקען זייערע לעבנס וועלכע זענען טראגיש אוועקגענומען געווארן פון אונז. די צוגעקומענע מיטגלידער וועלכע זענען באשטימט געווארן צו זיצן אויף די מאי 14 דענקמאל קאמיסיע ברענגען ברייטע רייעס פון מומחיות וועלכע וועלן זיין גאר ווערטפולע ווען מיר ארבעטן צו אויפשטעלן א באדייטפולע אנדענק. איך אפלאדיר יעדע פון די קאמיסיע מיטגלידער פאר זייער וויליגקייט צו דינען אונזער קאמיוניטי, און איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו פארזיכערן די הצלחה פון דעם וויכטיגן פראיעקט."

**באפעלאו NAACP פרעזידענט און פארזיצער פון די מאי 14 קאמיסיע, גייסטליכער מארק ע. בלוי, האט געזאגט,** "עס איז מיר א כבוד צו באגרוסן די איבערגעגעבענע מענטשן צו די מאי 14 דענקמאל קאמיסיע אזוי ווי מיר זעצן פאר צו ארבעטן צו פאראייניגן אונזער קאמיוניטי מיט אן אנדענק. מיין האפנונג פאר די קאמיסיע איז צו זיכער מאכן אז די דענקמאל וואס ווערט אויפגעשטעלט דינט אלץ אן אייביגע אנדענק צו די אומשולדיגע לעבנס וועלכע זענען פארלוירן געווארן און אלץ א לייכט טורעם פאר די וועלכע ערהוילן זיך פון די אומבאגרייפליכע טרויער."

די קאמיסיע וועט אנטוויקלען און דורכפירן א פלאן צו באשטימען אן ארט און אויפבויען א פיזישע דענקמאל אין איסט באפעלאו צו פאראייביגן די לעבנס און געשיכטעס פון די צען טונקל-הויטיגע באפעלאו איינוואוינער וועלכע זענען אומגעקומען אין דעם ווייסן ראסיסטישן טעראר אטאקע פריער דעם יאר. די מיטגלידער וועלן צוטיילט ווערן אין אן אונטערשטע קאמיטע וואס וועט זיך טרעפן באזונדער און באריכטן צוריק צו די פולע קאמיסיע.

די קאמיסיע וועט זיך קאנצענטרירן אויף די פאלגנדע אנגעלעגנהייטן:

- טרעפן, איינקויפן און באקומען פערמיטס פאר לאנד
- פלענער צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי און פאמיליעס
- אויסוואהל פון ארכיטעקט און דעזיין קאנצעפטן
- אויפהאלטונג פון די דענקמאל און פארשענערן די ארומיגע פלאץ

ניו יארק סטעיט און באפעלאו סיטי האבן שוין פריער אנאנסירט זייער כוונה צו מאכן ספעציפישע פינאנציעלע פארשפרעכונגען פאר דעם פראיעקט אין די צוקונפט, מיט די סומע צו ווערן באשטימט לויט די פארנעם און גרויסקייט פון דעם פראיעקט וואס ווערט רעקאמענדירט דורך די קאמיסיע און צוזאמען מיט די סטעיט לעגיסלאטיווע שותפים.

נאכפאלגנדיג די ווייסע ראסיסטישע טעראר אטאקע אום מאי 14, 2022, ביי די Tops Friendly Markets, האט גאווערנער האקול אנאנסירט 50 מיליאן דאלאר אין געציהלטע אינוועסטירונגען אלץ טייל פון די סטעיט'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אדרעסירן די באלדיגע באדערפענישן פון די קאמיוניטי. ניו יארק סטעיט וועט פארזעצן ווייטער צו קאארדינירן מיט שטאט, קאונטי, פילאנטראפישע און ביזנעס צוזאמארבעטער און גרעס-רוטס פירער צו אדרעסירן לאנג-טערמיניגע געברויכן אין דער קאמיוניטי.

די וועלכע זענען פארלוירן געווארן דורכאויס די מאסן שיסעריי אום מאי 14 זענען פערל יאנג, רוט ווייטפיעלד, מארגוס ד. מאריסאן, אנדרעי מעקניעל, עראן סעלטער דזשוניאר, דזשעראלדין טעלי, קעטערין מעסי, ראבערטא א. דרורי, העיווערד פעטערסאן און סעלעסטין טשעיני.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן